# קאוויד-19 וואקסינען: וואס איר דארפט וויסן

## אידישע ארטאדאקסישע פרויען מעדיקעל אסאוסיעישאן

איינרעדעניש #1

### איך קען באקומען קאוויד פון די וואקסין.

**די פאקטן:** די קאראנא ווייררוס וואקסינען קענען אייך אויפן קיין פאל נישט גיבן די קאוויד-19 ווייל עס ענטהאלט נישט אין זיך לעבעדיגע SARS-COV-2 ווייררוס.

איינרעדעניש #2

### די וואקסין טוישט די DNA

**די פאקטן:** קיין איין סארט וואקסין האט סיי וועלכע שייכות אדער טוט אויף סיי וועלכע אופן האבן אן אפעקט אויף אייער DNA.

איינרעדעניש #3

### די קאוויד וואקסין איז נישט געווארן גענוג אויספרובירט און באשטעטיגט אלס זיכער

**די פאקטן:** אלע וואקסינען האבן באקומען FDA באשטעטיגונג צו ווערן באנוצט אין די פאראייניגטע שטאטן, און איז געווארן אויספרובירט אויף פארשידענע שטאפלן צו באשטעטיגן זיכערהייט און אפעקטיווע רעזולטאטן מיט צענדליגער טויזנטער באטייליגטע. זינט דאן, איז שוין העכער הונדערט מיליאן וואקסין דאזעס געגעבן געווארן אין אמעריקע אליינס, און העכער 450 מיליאן דאזעס אלוועלטליך.

איינרעדעניש #4

### די קאוויד וואקסין קען שטערן דאס האבן קינדער.

**די פאקטן:** עס איז נישט פארהאן קיין שום פאקטישע באוויזן אז די קאוויד וואקסין קען האבן סיי וועלכע שטערונגען אין דעם.

איינרעדעניש #5

### איך בין יונג און געזונט, איך דארף נישט די וואקסין

**די פאקטן:** די SARS-COV-2 אינפעקציע טוט פארשטעלן א געזונטהייט געפאר פאר יעדן. יונגע מענטשן קענען אויך ווערן ערנסט קראנק און אפילו שטארבן. אפילו אויב מען ערהוילט זיך פון קאוויד, קען מען נאך אלס שפירן סימפטאמען חדשים לאנג, און מען קען אויך האבן לאנג-טערמיניגע אפעקטן.

איינרעדעניש #6

### אויב איך האב שוין געהאט קאוויד, דארף איך נישט נעמען דעם וואקסין

**די פאקטן:** די שטארקייט פון די נאטורליכע אימיוניטעט ווענדט זיך אין יעדע מענטש אנדערש, און קען נישט ווערן געשאצט. נייע סארטן קאראנא סטרעינס קען אויך זיין געפארפול. דעריבער, טוט די CDC רעקאמענדירן אז אויך מענטשן וואס האבן שוין געהאט קאראנא אין די פארגאנגענהייט זאלן זיך וואקסינירן.

איינרעדעניש #7

### מיין קאמיוניטי האט שוין 'הורד אימיוניטי', אלזא דארף איך נישט נעמען דעם וואקסין

**די פאקטן:** 'הוירד אימיוניטי' טוט נישט באשיצן יעדן איינעם פון באקומען קאוויד-19, און עס קען אויך ווערן שוואכער ווען מענטשן הייבן אן צו פארלירן אימיוניטי אדער אויב די קאמיוניטי איז אויסגעשטעלט צו א נייע סארטן קאראנא ווייררוס.

פאר מער אינפארמאציע וועגן קאוויד-19 און די קאוויד וואקסין, הערט אויס JOWMA'ס פאדקעסט, וואס איז דא צו באקומען אויף אלע גרעסערע פאדקעסט פלאטפארמעס. אדער רופט די JOWMA פרעווענטיוו געזונט האטליין, אויף 929-4-GEZUNT

**אלע ניו יארקער בירגער העכער זעכצן יאר אלט, זענען שוין בארעכטיגט צו באקומען דעם וואקסין.**
**צו טרעפן א וואקסינאציע ארט נעבן אייך, באזוכט: VaccineFinder.org**

---

ורפוא ירפא
JOWMA
Jewish Orthodox Women's Medical Association

This content is for general educational purposes only and not intended to be a substitute for professional medical advice, diagnosis, or treatment about your particular condition. Always seek the advice of your physician or other qualified health provider with any questions you may have regarding a medical condition.